# מכתב התחזקות

ממורינו ורבינו עטרת תפארת ישראל הגאון הישיש

## מרן רבי אליקים שלזינגער שליט"א

ראש ישיבה הרמה לונדון יצ"ו[1]

* * * *

אור לעש"ק פרשת החודש תש"פ

לכבוד תלמידי היקרים וידידי הנכבדים שיחיו לאי"ט

החיים והשלום, נתבקשתי לכתוב מכתב חיזוק לרגלי תהפכות עולם מקצהו ועד קצהו.

זכורני כשבאתי לבקר את **מורי ורבי המשגיח הצדיק ר' יחזקאל** (לעווינשטיין) **זצ"ל** מצאתי שהוא בשמחה רבה, ושאלתי לשמחה מה זו עושה? וענה לי "איך זעה בורא עולם", ותמהתי, כלום המשגיח כל הימים אינו רואה בורא עולם? והסביר לי, כל השנים הוא קיבל משכורתו מהישיבה (פוניוביז), וזה כמה חדשים שלא קיבל "אט זעה איך בורא עולם, מען דארף אנקומען צו עהם".

מיר האבען זוכה געווען צו זעהן בורא עולם! מיר דארפען געבן שיר ושבח פון שמחה, אז דער רבונו של עולם האט מגלה געווען כבודו ית"ש איבער די וועלט, אזוי ווי צו אברהם אבינו וואס ער האט געזוכט דעם בעל הבירה, קרא לו הקב"ה "אני בעל הבירה" (בראשית רבה לט, א).

ס' איז נישט קיין איבערקערעניש, נאר פארקערט דער רבש"ע האט געגעבען א פאטש אין פנים פון כופרים אומות העולם וואס מיינען זיי זענען בעלים אויף די וועלט, האט דער רבש"ע געוויזען אז זייער בעלות מיט אלע ערפינדונגען איז גארנישט.

ס'איז געגאנגען צו ווייט און זיי האב'ן כמעט חרוב געמאכט די וועלט מיט חטא המבול און חטא דור הפלגה, דער אויבערשטער האט געשווארען אז קיין מבול מים וועט ער

---

[1] א.ה. הסוגריים הם מהעורך.

נישט ברענגען, ווי ס'שטייט אין דער תורה, אבער פיזור יא, פיזור לרשעים - זאגט די **משנה** (סנהדרין עב.) - איז "יפה להם לרשעים ויפה לעולם", האט דער אויבערשטער יעצט גוזר געווען פיזור - בידוד, לאמיר זעהן וואס איר קענט! די וועלט איז אראפגעפאלען אין גאנצען מיט'ן חטא דור המבול און דור הפלגה, די גאנצע וועלט מיט אירע מחנכים לרעה ר"ל, כופר זיין אז דער אויבעשטער האט בעשאפען די וועלט און פירט איהר, כל אחד ואחד לשכר ולעונש.

ווייטער וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, חוץ מדור המבול, ער האט באשאפען איש ואשתו צו בויען די וועלט, און כופרים און מחנכים האב'ן אנגעהויבן חרוב מאכען די וועלט ר"ל, גוים זענען אויך מצווה על עריות - הגם נישט אזוי ווי יידן עם קדשו - האט דער אויבעשטער געשיקט א אזהרה, מקצה הארץ ועד קצהו - איך בין בעל הבירה! איז דאס א מורא'דיגע חיזוק פאר כלל ישראל, אז מען הערט דער קול כביכול "אני בעל הבירה".

צדיק באמונתו יחי', אז מען לעבט מיט אמונה פשוטה לעבט זיך גוט און ריכטיג, און מיר זעהן יעצט דעם רבש"ע מיט די אויגען, מיר קענען נישט גענוג דאנקען דעם רבש"ע אז אונזער שוואכער דור האט באקומען אזא מתנה כלפי עולם כולו, לאמיר אונז זיך מחזק זיין מיט טרערן אין די אויגען פאר דעם חסד, דער אויבעשטער רחום וחנון איז דא, ער וועט אונז נישט פארלאזען.

ובפרט דאס איז דער לעצטער דור פאר משיח, דער זמן משיח איז בעהאלטען, אבער דער רמב"ם זאגט (סוף הלכות מלכים) אז פאר ביאת המשיח וועט נתחזק אמונה בישראל און ביי דער וועלט, לאמיר זיך מחזק זיין אין אמונה בלב שלם, לעבען מיט בטחון בד' באמת, ככתוב בתהלים "בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטמו", ונאמר "קוה אל ד' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ד'", פי' **מו"ר מרן** (**הגרי"ז מבריסק**) **ז"ל** להתחזק עוד יותר בבטחון בד'.

און אין דעם זכות וואס מיר דערהערן אז די שערי שמים זענען אפען, דארפען מיר מרבה זיין אין תפילה פאר רפואה שלימה לחולי עמו בית ישראל, ס'זאל נישט שולט זיין קיין שום פגע רע לקורא שמו באמת, רק רפואות ישועות ונחמות.

ותחזנה עינינו בשובך לציון ברחמים במהרה דידן.